בעזהשי"ת

פרשת
כי תבוא

פראיעקט:

# "לערן הלכות שבת"

עפ"י הוראת הרב שמואל פעלדער שליט"א
דומ"ץ דבית מדרש גבוה לייקוואוד

---

**איז עס מותר צו פארעכטן אן עירוב שטריק וואס איז אראפגעקומען?**

ווייל דאס ווערט גערעכנט אזוי ווי מען מאכט א מחיצה, איז עס אסור צו פארעכטן אפילו אויב מען מאכט נישט קיין קניפ.

**איז עס מותר אויסצוקערן אינדרויסן מיט א בעזים?**

עס איז אסור אויסצוקערן אינדרויסן.

**איז עס מותר צו שלעפן א שווערע picnic table אדער באנק איבער א פעלד?**

עס איז אסור צו שלעפן א שווערע picnic טיש אדער א באנק איבער א פעלד אדער ערגעץ וואו אינדרויסן.

**מיט וואס זאל מען זיין פארזיכטיג ווען מען עסט אדער טרינקט פרוכט אדער גרינצייג נעבן די גראז?**

מען דארף אכטונג געבן נישט בכונה צו גיסן וואסער אויף די גראז אדערווארפן קערנדלעך אויף די ערד.

**איז עס מותר צו עפענען א שירעם וואס מען לייגט איבער א טיש (table umbrella)?**

א שירעם וואס איז אויפ'ן טיש איז בעסער אז מען זאל עס נישט עפענען. (כאטש אפילו פיל פוסקים האלטן אז מען מעג עס עפענען שבת, אבער לויט טייל פוסקים טאר מען עס נישט עפענען נאר אויב עס איז געווען אפן כאטש א טפח ערב שבת.) אויב מען האט עס נישט געעפנט פאר שבת, קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס זענען מקיל אויב עס פעלט אויס.

אן awning וואס איז באהאפטן צו א בנין, אדער א שירעם וואס איז באהאפטן צו א גאניק דארף מען נישט עפענען ביפאר שבת ווייל זיי זענען אריינגעבויעט, און דערפאר הייסט עס נישט מאכן א דאך נאר אז מען עפענט עס אויף.

דער חפץ חיים זי"ע ברענגט אין נאמען פון רבי'ן ר' יהונתן אייבשיץ זי"ע, אז אויב א מענטש לערנט נישט אדורך די הלכות פון שבת, דאן איז אוממעגליך ער זאל נישט עובר זיין אויף זאכן וועלכע מען טאר נישט טוהן אום שבת.

לזכות רפו"ש חי' מלכה בת בתשבע בתשח"י

זיך איינצושרייבן אייער אימעיל: שיקט א אימעיל צו: lernshabbos@gmail.com